# בית יעקב

ליטעראַרישע שריפט פאַר שול און היים
דינט די ענינים פון בית־יעקב שולן און אָרגאַניזאַציעס בנות־אגודת־ישראל אין פוילן
רעדאַקטירט דורך א"ג פרידנזאָן

ב"ה, לאָדזש־וואַרשע־קראָקע | אייר תרצ"ד | נומער 115 | עלפטער יאָרגאַנג

## נאָך די קאָנפערענצן

**מאַכנדיק** דעם סך־הכל פון די שוין פאַרגיקומינע קרייז־קאָנפערענצן, מוזן מיר אונטערשטרייכן דעם פאַקט, וואָס אויף די קאָנפערענצן האט מין זיך נישט באַנוצט מיט פראַזן, נאר אויפריכטיק אַדורך גישמועסט, זיך, אָראָפגירעדט אַלץ וואָס ווייטיקט אונדזערע חברות.

ס־איז איבריק צו דערמאָנען, אַז דעם אויוון־אָן האט פאַרנומען, דאָס פראָבלעם פון פראָבלעמען אין אונדזער צייט — די שרעקלעכע מאַטעריעלע נויט אויף דער יידישער גאַס, דאָס גישריי פון יידישן רואין האט זיך אַרויסגיפילט ביי יעדער פראַגע און דערויף אַרויפגילייגט זיין טרויעריקן חותם.

מיר ווייסן דערפון, מיר פילן עס שטאַרק און מיר ווען אוודאי אַלץ טון, כדי לייכטער צו מאַכן, צו פאַרגרינגערן די מאַטעריעלע נויט פון אונדזערע שוועסטער. מע דאַרף נאר צו האָבן סבלנות, אויסדויער און — ווי אַ יידישע טאָכטער — בטחון און אמונה.

די בנות־אָרגאַניזאַציע קען דאָך נישט פאַרענטפערן מיט אַמאָל אַ פראָבלעם, איבער וועלכע אַפילו גרויסע און שטאַרקע מלוכות שטייען מאַכט־לאָז. מיר וועלן אַוודאי, מיט די גאַנצע גיטריישאַפט און איבערגיגעבנקייט, טון אַלץ וואָס ליגט אין אונדזער באַגרעניצטער מעגלעכקייט. מיר אַגיטירן ביי אונדזערע אידעאישן באַנטע צו באַשעפטיקן אין זייערע אונטערנעמונגען, צו איבערגעבן די אַרביט פון זייערע הצטרכותן דווקא צו אונדזערע חברות און אחיות־לדעה. מיר גרינדן פאַך־קורסן צו פראָדוקטיוויזירן אונדזערע חברות. פאַרשטייט זיך, אַז מיר דערשעפן נישט דערמיט אונדזער טעטיקייט אין דעם פרט, מיר וועלן ווייטער טון און — מיט אויבערשטנס הילף — מיט אַ גיזיכערטן דערפאָלג.

מיט נאָך אַ פראַגע, האָבן מיר זיך באַגעגנט און וועלכע האט נישט קיין קלענערן אָרט פאַרנומען, אויף די באַראַטונגען, און דאָס איז די קולטורעלע נויט.

מיר האָבן ליידער באַמערקט, ווי אַ גאַנץ אַנזעעוודיקער טייל נייגן אָפּ פון אונדזער ריכט־ליניע, ווערן — אפשר נישט באַוואוסטזיניק — מיטגיכאַפּט מיט פסיכאָז־שטימונגען. די ארץ־ישראל־מאָמענטן אויף די קאָנפערענצן האָבן אַ סך מאָל באַוויזן אַז ארץ־ישראל ווערט נישט דערמאָנט מיט יענים הייליקן רגש וואָס אַ ייד דאַרף צו פילן צו אונדזער לאַנד אַלס ארץ־אָבות. טייל וויתּוחים זענען גיווען אַ פּועל־יוצא פון די נישט־גיזונטע פסיכאָז־בהלה אויף די יידישע גאַס וואָס האט טיילוויז אַריינגידרונגען אין אונדזערע רייען.

מיר טאָרן זיך אויך נישט פאַרבלענדן דערמיט, וואָס אַ טייל מיינען, אַז מיט די עמיגראַציע קיין ארץ־ישראל איז שוין פאַרענטפערט די גאַנצע יידישע נויט. מיר ווייסן דאָך ווי באַשרענקט ס־זענען פאַר אונדז די עלי'־מעגלעכקייטן, מיר ווייסן אַז דער קריזיס אויף דער יידישער גאַס גיפינט, אין אַ זייער מינימאַלן פאָרים, זיין פאַרענטפערונג אינים ארץ־ישראל פראָבלעם.

חוץ־לזה זענען דאָך דאָ ביי אונדז עפּיס גרעסערע און אַנגיווייטיקסטע פראָבלעמען צווישן אונדזער יוגנט, פראָבלעמען וועלכע זענען און פאַרנעמען אַ חשובן אָרט אין אונדזער אַרביט פאַר יידישקייט, וואָס איז דאָך דער עיקר־העיקרים, דער אלף און דער תיו פון אונדזער רעיון.

מיר מוזן שטיין אויף דער וואַך, און נישט לאָזן אונדזערע שוועסטער אַריינפאַלן אין אַזעלכע נישט־געזונטע שטימונגען, וואָס שאַפן ביי אונדז אַ צוגלייטע פסיכאָז - אַטמאָספערע, וואָס זיינע קאָנסעקווענצן זענען קיינמאָל נישט קיין גוטע.

אַזעלכע שטימונגען קומען פון מאַנגל אין יידישן באַוואוסטזיין. און דאָ וועלן מיר שטרעבן אַריינצוגעבן דעם פולן יידישן באַוואוסטזיין אומדערשיטערלעכע אמונה, לערנען דעת, אויפקלערונגען איבער ספקות, אַדורכדרינגען די נשמות פון אונדזערע חברות מיט אונדזערע אייביקע צילן, אַריינפלאַנצן אַ קאָנסעקווענט און אויסגיהאַלטן יידישקייט, וואָס זאָל צעמענטירן און פונדאַמענטירן אונזער ריינעם יידישן קוק אויף אַלע פראָבלעמען אין לעבן: אַן־אויסקריסטאַליזירטע יידישע אָריענטאַציע אין די פאַרוויקלטסטע און פאַרפלאָנטערסטע אָפּינעע און אונטער־וועגן, מיט וועלכן ס־לאָווירט אונדזער היינטיקייט.

מיר גיבן זיך אָפּ אַ חשבון פון אונדזערע אויפגאַבן, מיר ווייסן און פילן שטאַרק און טיף די פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס מיר נעמען זיך אונטער: אָבער מיר טאָרן נישט וואַרטן, אַלץ איז ברענינד־אַקטועל און פאָדערט באַלדיקע פאַרענטפערונג און פאַראַלעל מיט די באַנייטע טעטיקייט וועלן מיר זיך אויפסניי — און זאָל עס שוין זיין דאָס לעצטע מאָל — צו אונדזערע שוועסטער.

ווילט איר אַז אונדזער אַרביט זאָל האָבן דעם גיוואונטשן ערפאָלג, דאַן גיט אונדז די מעגלעכקייט דורך דיסציפּלין און אַבסאָלוטע דיסציפּלין, דורך גיטריישאַפט און מיטהילף, באַנייט אייער אַרביט, אייערע כּוחות, און נאָר צוזאַמען געגנזייטיק וועלן מיר דערפירן אונדזער באַוועגונג צו דער מדרגה וואָס זי דאַרף אַרויפשטייגן.

■■■■■■■■■■■■■■■■■■■■■■■■

## מיר ציילן

מיר ציילן טעג, וואָס פאַרגאַנגען
נישט פאַרגעס, מענטש! דיין פונוואַנען
ס־איז וועג צום וואו־אַ־הין — דער צוריק
דורך איינע און די זעלבע בריק...

מיר ציילן טעג, ציילן וואָכן
וויפל מויערן, אַ דורכגיבראָכן
ביים גיין צו טאָג, דורך נאַכט — די וועגן
וויפל וועלדער, אַ דורכגיזויגן.

מיר ציילן טעג, ווען אַרום שוואַרצט
וואָרט וואָס גיזאָגט, פילן קאָן האַרץ
וויל:—זון פון נעכטן, פון מאָרגן,
אין טיפן שוואַרץ, ליגט פאַרבאָרגן.

אַלטער שנור.


הודפס מתוך הארכיון היהודי